בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

תולדות

ב' כסלו תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:02 |
| מוצש"ק | 5:17 |
| ר"ת | 5:54 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:02 | סוז"ת א' | 9:10 |
| סוזק"ש ב' | 8:46 | סוז"ת ב' | 9:39 |

גליון מס': קס"א

שנה ד'

## טיב המערכת

### וואס מיינט 'ענוה'?

איינמאל איז א סוחר געפארן צום יריד צו האנדלען מיט זיינע אקסן, אבער צו זיין שלעכטן מזל האט ער פארלוירן די בהמות אויפן וועג. טראצדעם וואס דער סוחר איז געווען זייער א פשוט'ער מענטש, האט ער געהאט אין זיך לויטערע אמונת חכמים, און אין זיין ענגשאפט איז ער געפארן צו הרה"ק רבי מאיר פרימשלאנער זי"ע.

דאס איז געווען אין אן ערב שבת קודש פון חודש אלול, ווען דער איד איז געקומען אראפלייגן זיין דרוקעניש פארן הייליגן צדיק. ווען רבי מאיר'ל האט געהערט זיין צרה, האט ער אים געהייסן אז ער זאל בלייבן דארט פאר שבת קודש, און האט צוגעלייגט ווי פאלגנד: כִּי תֵצֵא, ווען די אקסן זענען ארויסגעגאנגען און פארלוירן געווארן, כִּי תָבוֹא, קומט מען צו מאיר, און מאיר זאגט נִצָּבִים, אז מען זאל בלייבן פאר שבת, וַיֵּלֶךְ, און דערנאך זאל מען אהיימגיין, הַאֲזִינוּ, אויב וועסטו פאלגן מאיר, וְזֹאת הַבְּרָכָה, וועסטו דורכדעם האבן די ברכה.

אין יענעם שבת, האט רבי מאיר'ל זיך שטארק פארשפעטיגט אריינצוקומען צום טיש, וויבאלד זיין שטייגער איז געווען אז ער איז נישט אריינגעקומען פירן טיש ביז ער האט קלאר געוואוסט ביי זיך אז ער איז דער נידעריגסטער מענטש פון אלע וואס געפינען זיך ביי אים. אבער אין דעם שבת האט ער זיך נאכמער פארשפעטיגט, וויבאלד ער האט געטראכט אז יעצט געפינט זיך דאך זיכער ביי אים איינער וואס איז ערגער ווי אים, דאס איז דאך דער אויבנדערמאנטער אָקסן סוחר, און דעריבער קען ער נישט אזוי פירן טיש. ביז ער האט זיך בארעכנט, אז אויב וואלט ער געהאנדלט מיט אקסן, און דער רבי וואלט אים געהייסן בלייבן פאר שבת וואלט ער אים נישט געפאלגט. דערמיט איז שוין דער צדיק געווען צופרידן און איז אריינגעקומען פירן טיש.

אין די פרשה פון די וואך זעען מיר אז ווען יעקב אבינו איז געבוירן געווארן, האט ער אנגעהאלטן אינעם קנעכל פון עשו, און דעריבער איז ער געווארן אנגערופן 'יעקב', און דאס איז דאך אייגנטליך א גרויסן וואונדער, ווייל עס ווערט ערקלערט אין די ספרים הקדושים אז דער נאמען פונעם מענטש טוט ווייזן אויף זיין מהות און אויף זיין שורש נשמה, אויב אזוי, פארוואס האט יצחק אנגערופן יעקב מיט דעם נאמען דערפאר וואס ער האט אנגעהאלטן עשו, צודען ווערט דערמיט אנערקענט דער מהות פון יעקב?

נאר פון דעם זעט מען, אז דאס וואס יעקב האט אנגעהאלטן עשו, דאס ווייזט אויפן געוואלדיגן שפלות פון יעקב, ווייל טראצדעם וואס נאך פון אלץ יונג קינד איז ער געווארן געצויגן בלויז צו קדושה און איז געווען פונקט פארקערט פון עשו, פונדעסטוועגן איז ער געווען זייער נידעריג ביי זיך, און אפילו אנטקעגן עשו הרשע האט ער זיך געפירט מיט שפלות.

אט דאס איז די אמת'ע ענוה, ווען א מענטש פארשטייט אז ער איז נאך ערגער פון די גאר ערגסטע, ווייל זיך צו האלטן קליין בלויז אנטקעגן די צדיקים, דאס הייסט בכלל נישט קיין ענוה, ווייל אויב וועט ער זיך נישט משפיל זיין פאר זיי גייט ער דאך אריין אין כלל פון א בהמה, וויבאלד ער טוט נישט אנערקענען זיין אָרט אויף דער וועלט, נאר די עבודה איז אז מען זאל וויסן אז אפילו דער וואס איז ערגער ווי אים איז אויך בעסער ווי אים, און מען זאל טראכטן אז אויב וואלט איך אויפגעוואקסן מיט זיינע נסיונות, איז מעגליך אז איך וואלט נאך געווען ערגער ווי אים.

(עפ"י טיב התורה – תולדות)

## טיב הפרשה

# גשה נא ואמשך

## דער שם שמים איז געווען שגור על פיו

מיר לערנען די וואך אין די פרשה איבער ווי אזוי רבקה אמנו האט געשיקט יעקב ער זאל נעמען די ברכות פון זיין טאטע יצחק אבינו.

די תוה"ק דערציילט אונז איבער די הכנות און די כוחות וואס רבקה אמנו האט אריינגעלייגט אז עס זאל מצליח זיין און אז מען זאל קענען ארויסנעמען די ברכות פון עשו.

אין די ערציילונג לערנען מיר אז יעקב אבינו האט אנגעטון די קליידער פון עשו און אז יצחק אבינו האט אין אנהייב נישט פארדעכטיגט יעקב אבינו, אז די פארדאכטן האבן זיך אנגעהויבן אין די רגע ווען יצחק אבינו האט געפרעגט פאר יעקב אבינו, ווי אזוי האסטו עס אזוי שנעל געמאכט און יעקב אבינו האט געענטפערט, כי הקרה ה' לפניך.

גלייך נאכדעם שטייט אז יצחק אבינו האט געבעטן פון יעקב אבינו 'גשה נא ואמשך', אז ער האט אנגעהויבן מורא האבן אז עס איז נישט עשו - נאר יעקב אבינו, און געבעטן אז ער וויל אים אנטאפן.

רש"י אויפ'ן ארט שמועסט אויס די נקודה, זאגנדיג אז ווען יצחק אבינו האט געהערט איינעם זאגן דער 'שם שמים' האט זיך דערוועקט ביי אים א פארדאכט אז דאס איז נישט עשו, ווייל ביי עשו האט מען קיינמאל פריער נישט געהערט דערמאנען דער שם שמים.

לויט די ווערטער פון רש"י זעט זיך אויס אז ווען נישט אז יעקב אבינו דערמאנט דער שם שמים וואלט יצחק אבינו נישט געקענט דערקענען אז דאס איז יעקב אבינו.

אויב אזוי האט מיין זון הרה"ג ר' דוב שליט"א געפרעגט, פארוואס טאקע האט יעקב אבינו געשפירט פאר וויכטיג צו זאגן דער שם ה'? ער וואלט זיך געקענט

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב הודעות

ארויסראטעווען פון דעם?

נאר, האט מיין זון געענטפערט, אז פון דעם ווייזט זיך אויס, אז טראץ וואס מען קען אמאל משנה זיין זאכן מפני דרכי שלום, זאל מען אבער נישט משנה זיין קיין זאך, ווען עס איז אן ענין וואס איז נוגע די אמונה, און ווייל יעקב אבינו האט געגלייבט אז דאס איז אזוי געווען, האט ער נישט געקענט משנה זיין פון דעם.

דער געדאנק איז א שטארקער לימוד פאר אונז. עס מאכט זיך אסאך מאל אז א מענטש ווערט אנגעווארעמט צו טון א מצוה, אבער אויסצופירן די מצוה, דארף מען עובר זיין אויף עבירות, אפילו אויף קליינע עבירות.

צומאל איז די עבירה א קליינע עבירה, און דער מענטש מאכט זיך א חשבון אז מען רעדט דאך פון א קליינע עבירה און דאס מעג מען טון כדי צו מאכן א גרעסערע מצוה, אבער דאס קומט אונז דער פסוק לערנען אז דאס איז א פסול׳ע מחשבה, אז איין מצוה קומט נישט אויפ׳ן חשבון פון אן עבירה, און אז דער זעלבער באשעפער וואס האט געגעבן די קליינע מצוה האט אויך מְצַוֶּה געווען אויף די קליינע עבירה.

ווען א איד איז אויסגעקאכט אין די אמונה איז די זאך ביי אים קלאר, אבער ווען ער איז צורודערט און נישט קלאר ביי זיך קען ער זיך צומאל טועה זיין אין די נקודה.

דער יצר הרע קומט אמאל צו דער מענטש און זאגט אים ער זאל דאווענען שנעל ווייל אזוי ארום וועט ער קענען אריינכאפן נאך און נאך מצוות אדער לערנען מער. עס געשעט אמאל אז מען פאלט אריין אין זיין נעץ, אבער דאס געשעט נאר ווען עס פעלט אמונה פאר׳ן איד.

ווען א איד איז קלאר אין די אמונה ווערט ער ניצול פון די סארט איבעררעדענישן.

פון דא זעט מען אז דער שורש צו אלעס אין די וועלט איז א קלארקייט אין אמונה. ווען דאס איז דא האט מען אלעס. ווען נישט דאס איז אלעס פעלעריג.

איבער ווי חשוב עס איז די כח פון אמונה, דערציילט מען אז אמאל איז א חשובער ראש ישיבה געקומען צו דער חפץ חיים זצ״ל און אים דערציילט אז מען האט אים אנגעטראגן א פאסטן אין א ישיבה צו ווערן זייער ראש הישיבה. דער איד האט געזאגט פאר׳ן חפץ חיים אז היות אז ער האט א גרויסע שטוב פון קינדער און עס קאסט אים דאס לעבן אסאך געלט און די געהאלט וואס מען האט אים אנגעטראגן אין אויסטויש פון די ישיבה פאסטן קלעקט נישט אויף די הוצאות הבית - בעט ער דעם חפץ חיים ער זאל שרייבן א בריוו צו די הנהלה פון די ישיבה אז מען זאל אים געבן א גרעסערע געהאלט.

ווען דער חפץ חיים האט געהערט די בקשה האט ער זיך תיכף ומיד געזעצט שרייבן א בריוו צו די מנהלים פון די ישיבה, אבער אנשטאט צו שרייבן אז מען זאל אים געבן א גרעסערע געהאלט האט ער געשריבן אז מען זאל אים נישט נעמען פאר די פאסטן זעענדיג אז עס איז נישט ׳תוכו כברו׳.

דער חפץ חיים האט געגעבן צו פארשטיין אז מען זעט אויף אים אז זיינע שיעורים איז נישט יוצא מן הלב.

די שטוב מענטשן האבן זיך זייער געוואונדערט אויף דעם אקט, אבער דער חפץ חיים האט געגעבן צו פארשטיין אז די מטרה פון א מגיד שיעור אדער א ראש הישיבה איז אריינצוגעבן אמונה אין די בחורים, און ווייל דער איד איז געקומען צו אים און אים געבעטן ער זאל שתדל׳ן פאר אים און די השתדלות איז אן איבריגע השתדלות איז א סימן אז ער האט א פגם אין די אמונה, און אזא איינער איז נישט ראוי צו זיין אין די פאזיציע פון משפיע זיין פאר בחורים.

דער חפץ חיים האט געוואוסט אז דער שורש פון אלעס אין די וועלט איז אמונה, און אז אויב מען איז שטארק אין די אמונה קומט מען אן ווייט, אבער אויב די אמונה איז שוואך איז דער יסוד לעבעריג.

זאל הקב״ה געבן אז מען זאל קענען אייביג בלייבן קלאר ביי די אמונה הטהורה.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הזך לייענדס

# צושמעטערטע קארטאפל – א הצלה פון ווערים

א צופרידענער האט זיך מיין זון צוריקגעקערט פון א געשמאקע מסיבה וואס זיינע חברים האבן אראנדזשירט לכבוד זיין בר מצוה.

מען האט זיך געזעצט איבעררעדן ווי אזוי עס איז געווען און ווי אזוי אלעס איז צוגעגאנגען.

ער האט אויסגעדרוקט הנאה פון די פארברענג, ווי שיין עס איז געווען, ווי שיין מען האט געזינגען, גערעדט און דערציילט, אבער דאן איז ער אנגעקומען צו די חלק פון די קארטאפל.

ומעשה שהיה, אז זוכנדיג א וועג ווי אזוי די סעודה זאל זיין אייגנארטיג האט מען זיך אפגעשמועסט אז מען גייט באקן קארטאפל ביי די מסיבה. מען האט אנגעצינדן א קליין פייערל און אריינגעלייגט אין איר די רויע קארטאפל עס זאל זיך באקן.

״אבער דאן האט פאסירט א מאדנע זאך״, האט מיין זון דערציילט מיט אביסל אויפברויז.

אן צו זאגן א נאמען פון דאס קינד, האט ער דערציילט אז איינער פון די קינדער האט זיך צולאזט און אנגעהויבן צעקוועטשן אלע קארטאפל וואס איז געלעגן אין די פייער.

״מען האט נישט געקענט עסן די קארטאפל״.

הערנדיג די געשיכטע און זעענדיג זיין אנטוישונג, האב איך אים געפרעגט: ווער האט געברענגט די קארטאפל?

״איך האב עס געברענגט, איך האב גענומען די קארטאפל פון דא אין שטוב״.

״יעצט פארשטיי איך שוין אלעס״.

דער קינד האט נישט געקענט פארשטיין וואס כ׳פארשטיי, אבער דאן האב איך אים געגעבן צו פארשטיין וואס עס גייט דא.

״וויסן זאלסטו אז די קארטאפל איז געווען ווערעמיג, איך האב זיך געגרייט עס צולייגן אין מיסט, איך האב נישט געוואוסט אז דו האסט עס גענומען. מען האט ענק פון הימל מציל געווען איר זאלט נישט עסן די קארטאפל. מען האט אריינגעלייגט פאר׳ן קינד א שטות אין קאפ, אבער דאס איז אלעס געווען ענק צו ראטעווען פון נכשל צו ווערן אין די עבירה פון עסן ווערים״.

צומארגענס האט ער מיטגעטיילט די ידיעה מיט אלע זיינע חברים, און אלע האבן זיך געפרייט ווי אזוי מען האט זיי מציל געווען מן השמים פון נכשל ווערן אין עסן ווערעמיגע קארטאפל.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ל.י.ס.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# דער כח פון וויינען

**"וַיַּעַן יִצְחָק וַיֹּאמֶר לְעֵשָׂו הֵן גְּבִיר שַׂמְתִּיו לָךְ כו' וּלְכָה אֵפוֹא מָה אֶעֱשֶׂה בְּנִי. וַיֹּאמֶר עֵשָׂו אֶל אָבִיו, הַבְרָכָה אַחַת הִוא לְךָ אָבִי, בָּרְכֵנִי גַם אָנִי אָבִי, וַיִּשָּׂא עֵשָׂו קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ. וַיַּעַן יִצְחָק אָבִיו וַיֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּה מִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ יִהְיֶה מוֹשָׁבֶךָ וגו'"** (כז, לז-לט).

**די קשיא איז קלאר – יצחק האט דאך נארוואס געזאגט אז ער האט נישט נאך א ברכה מיט וואס צו בענטשן עשו, "וּלְכָה אֵפוֹא מָה אֶעֱשֶׂה", איז וויאזוי האט זיך דאס גלייך געטוישט און ער האט אים געטראפן א ברכה.**

**נאר, ענטפערן די ספרים הקדושים [און אזוי שרייבט אויך דער אור החיים הקדוש], אז דאס איז טאקע ריכטיג אז גלייך נאכדעם וואס יצחק האט געגעבן די ברכות צו יעקב איז טאקע נישט געבליבן ביי אים קיין שום ברכה מיט וואס צו בענטשן עשו. – אבער וויבאלד עשו האט אויפגעהויבן זיין שטימע און ער האט געוויינט, האט די געוויין א כח צו עפענען נייע טויערן. אזוי ווי די הייליגע חז"ל זאגן (בבא מציעא נט.) שַׁעֲרֵי דְּמָעוֹת לֹא נִנְעֲלוּ, די טויערן פון טרערן ווערן קיינמאל נישט פארשלאסן, און מען לערנט עס ארויס פון א פסוק אין תהלים (טל, יג) "אֶל דִּמְעָתִי אַל תֶּחֱרַשׁ", זע דארט.**

**און ממילא, מיטן כח פון געוויין איז אויפגעקומען פאר אים גאר א נייע ברכה, וואס האט נישט עקזיסטירט אין דער וועלט ביז יעצט.**

**דער הייליגער סאטמארער רב זצוק"ל** פלעגט זאגן, אז טרערן זענען די באליבסטע געטראנק, כביכול, ביי השם יתברך...

***

דער הייליגער **ט"ז זצוק"ל, רבי דוד הלוי** בעל **ה'טורי זהב', איידעם פון דער ב"ח זצוק"ל,** פלעגט זיך באהאלטן אין זיינע יונגע יארן, נישט אנטפלעקנדיג זיין גרויסקייט אין לערנען, און ווי דער שטייגער פון אסאך צדיקים איז ער געווען א 'נסתר' פאר אסאך יארן. ער איז געפארן צו א ווייטע שטאט אין באגלייטונג פון איינער פון זיינע גאר נאנטע תלמידים, וואו ער האט פלייסיג עוסק געווען שרייבנדיג זיינע באוואוסטע ספרים אין אלע מקצועות התורה. – ווי פארשטענדליך האט ער אנגעזאגט דעם תלמיד אז ער זאל אויף קיין פאל נישט דערציילן ווער זיי זענען.

דער רב פון יענע שטאט איז געווען א גרויסער 'מחמיר', און ביי יעדן שאלה וואס מען האט אים געברענגט, ער געזוכט און גענישטערט ביז ער האט געטראפן עפעס מיט וואס מען קען גיין לחומרא.

איין טאג האט דער ט"ז געזען א 'שאלה' וואס איז געקומען צום רב אויף אן עוף, און דער רב האט גע'פסק'נט אז עס איז טריפה, אבער דער ט"ז האט געהאלטן אז דער עוף איז כשר לכתחלה. איז דער אייגנטימער פונעם עוף געגאנגען צום רב, און האט געזאגט אז דער אומבאקאנטער גאסט וואס איז לעצטנס געקומען וואוינען דא אין שטאט טענה'ט אז דער עוף איז כשר. האט דער רב אים געשיקט רופן, און ווען ער איז אנגעקומען צו זיין הויז האט ער אים שטארק פארשעמט און פַּאָרגעהאַלטן, טענה'נדיג – היתכן אז ער האט זיך געוואַגט צו חולק זיין אויף די ווערטער פונעם מרא דאתרא, און דעריבער האט ער געלייגט אויף אים דער 'עונש הקהל'!

אין יענע צייטן איז דער כח פון די רבנים געווען זייער שטארק און מעכטיג, און זיי פלעגן צומאל ארויפלייגן שווערע קנסות און שטראפן כדי אפצושטעלן פארשידענע פירצות אין אידישקייט. אט דער 'עונש הקהל' וואס דער רב האט יעצט ארויפגעלייגט אויף דער וואס האט געוואגט צו חולק זיין אויפן פסק פונעם רב, איז געווען אז ער האט געדארפט באקומען בזיונות פון אלע מענטשן פון די קהילה – די שלוחי בית דין האבן אים אראפגעלייגט אויפן ערד ביים שוועל פונעם בית המדרש, און דער גאנצער קהל איז דורכגעגאנגען איבער אים כדי אים צו פארשעמען!

דער הייליגער ט"ז האט אנגענומען זיין שטראף מיט ליבשאפט, און זעלבסטפארשטענדליך האט ער ווייטער אנגעהאלטן מיט זיין באהאלטנקייט, און האט נישט אנטפלעקט פאר קיינעם ווער ער איז.

א שטיק צייט איז דורכגעגאנגען, און איין טאג האט דער ט"ז ווייטער געזען, אויפן וועג אין שול, ווי א קליין קינד זיצט און וויינט אָן אויפהער. אויף זיין פראגע פארוואס זי וויינט אזוי שטארק, האט זי דערציילט אז איר מאמע האט פאר עטליכע חדשים אָפּגעשפּאָרט א פרוטה צו א פרוטה, אוועקלייגנדיג די פרוטות אין א ספעציעלן פושקע, ביז זי האט געהאט גענוג געלט צו קויפן אן 'עוף' פאר איר הויזגעזינד. די קינדער האבן אלע געוואַרט בכליון עיניים צו באקומען א פארציע פון אט דעם 'עוף', וואס שוין פאר לאנגע חדשים האבן זיי אזאנס נישט פארזוכט. – און דא קומט זי יעצט צוריק פונעם רב, מיטן 'שאלה' וואס האט זיך געמאכט ביים אויפשניידן דעם עוף, און דער רב האט גע'פסק'נט אז דאס גאנצע עוף איז טריפה! און אט האלט זי דעם עוף אין האנט, און איז נישט מסוגל צוריק אהיימצוגיין דערמיט און עס אוועקוווארפן אין מיסט...

האט דער ט"ז געבעטן אז מען זאל אים ווייזן די 'שאלה', און נאכן עס גוט באטראכטן, האט ער זיך געוואנדן צו די מיידל, און איר געזאגט אז זי זאל צוריקגיין צום רב, און אים בעטן אז ער זאל ביטע קוקן אין **'טורי זהב'** אין דער און דער סימן, און אין די און די סעיף־קטן, און דארט וועט ער קלאר זען אז עס איז מותר!

ווען דער רב האט דאס געהערט, האט ער זיך זייער שטארק געוואונדערט. ער איז גלייך געגאנגען צום בית המדרש וואו עס האט זיך געפינען א גרויסן 'אוצר הספרים', און נאכן עפענען דעם 'טורי זהב' אינעם אנגעצייכנטן ארט, האט ער געזען אז דער ט"ז איז טאקע מכשיר אן עוף ביי אזא פאל!

גלייך האט דער רב געהייסן אז מען זאל אים ברענגען דעם מענטש וואס האט געשיקט די מיידל צו אים, און צו זיין ערשטוינונג איז דאס נאכאמאל געווען דער זעלבער מענטש וואס האט זיך חולק געווען אויף זיין פסק דעם פריערדיגן מאל... אצינד האט ער שוין פארשטאנען אז עס רעדט זיך נישט פון אן עם הארץ, נאר פון א גרויסער תלמיד חכם וועלכער איז בקי און איז קלאר אין די ספרי הפוסקים!

דער רב האט זייער חרטה געהאט אויף דעם וואס ער האט מבזה געווען א תלמיד חכם, און האט געבעטן 'מחילה' פון אים אויפן שטראף וואס ער האט ארויפגעלייגט אויף אים דעם פריערדיגן מאל, און ווי פארשטענדליך האט אים דער ט"ז מוחל געווען מיטן גאנצן הארץ.

דער רב איז אבער נישט צופרידן געווען דערמיט, און נאכדעם וואס ער האט אים געפרעגט פארשידענע שאלות אין לערנען האט ער געזען אז ער איז מלא וגדוש אין תורה און אין יראת שמים. ער האט נישט גערוט, נאר ער האט צוזאמגערופן אלע מענטשן פון שטאט צום גרויסן בית המדרש, און במעמד אלע מענטשן פון שטאט האט ער אים געבעטן מחילה דערויף וואס ער האט מזלזל געווען אינעם כבוד פון אזא חשוב'ער תלמיד חכם!

וויבאלד דער רב האט פארשטאנען אז ער איז אן אדם גדול, האט ער אים געצוואונגען בגזירת 'מרא דאתרא' אז ער מוז אים אנטפלעקן ווער ער איז, און ווען דער ט"ז האט געזען אז ער האט נישט קיין אנדערע ברירה, האט ער אים געמוזט אנטפלעקן אז ער אליין איז דער בעל מחבר פונעם ספר **'טורי זהב'!**

פון דעמאלטס איז ער שוין באוואוסט געווארן איבער דער גאנצער וועלט, און יעדער האט שוין אויסגעפינען איבער זיין געוואלדיגע גרויסקייט אין תורה און אין יראת שמים, ביז ער אז געווארן איינער פון די גדולי הדור!

אין א געלעגנהייט, נאך די גאנצע מעשה, האט דער באליבטער תלמיד געפרעגט דעם הייליגן ט"ז, פארוואס האט ער זיך ארייגעלייגט דעמאלטס אין די גאנצע 'שאלה', וואס דאס האט שפעטער צוגעברענגט אז ער האט זיך געמוזט אנטפלעקן. איר האט מיר דאך אנגעזאגט גאר שטרענג אז איך זאל נישט אנטפלעקן דעם סוד ווער ער איז, און דערנאך האט איר דאך געליטן אזעלכע שווערע בזיונות, און אלץ כדי זיך נישט צו מגלה זיין, און דא האט איר פלוצלונג פארקוקט אויף אלעס, צוליב די שאלה פון די מיידל. וויאזוי שטימט עס?

האט אים דער הייליגער ט"ז געענטפערט, און אין דער זעלבער צייט אים אויך אויסגעלערנט א געוואלדיגער 'מוסר השכל':

אוודאי און אוודאי וואלט איך ווייטער געוואלט בלייבן א 'נסתר', און קענען זיצן על התורה ועל העבודה אן קיין שטערונגען, אבער דאס אלעס איז פיין און וואויל, ביז צו די טרערן און געוויין פון א איד! אין די מינוט וואס איך האב געזען ווי די מיידל וויינט ביטערליך איבערן צער און ווייטאג פון די משפחה, האב איך מער נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיג פאר אירע טרערן! אנטקעגן דער 'כח הבכיה', זענען מיינע אלע פריוואטע רצונות בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים!!!

**דאס לערנט אונז ווי גרויס און שטארק איז דער 'כֹּחַ הַבְּכִיָּה', ווייל אסאך מאל טוט א מענטש מתפלל זיין און ער בעט מיטן גאנצן הארץ – אבער ווען ער איז זוכה אנצוקומען צו די דרגה פון וויינען און עס עפנט זיך דעם קוואל פון טרערן, גייט ער אריין אין אן אנדערן עולם אינגאנצן! ווען א איד וויינט מיט טרערן, עפענען זיך פאר אים אלע טויערן, און ער שטייט 'נֹכַח פְּנֵי ה'', פארן כסא הכבוד!**

המשך אין עמוד ד' <

***

דער וועלט דערציילט איבער א רב, וועלכער האט געהאלטן א פייערדיגע דרשה אום שבת קודש **פרשת תולדות** איבערן חיוב פון **'מעשר כספים'**, און איבער איר געוואלדיגע סגולה און ברכה. אזוי ווי עס שטייט אין די **פרשה פון די וואך** (כו, יב): "וַיִּזְרַע יִצְחָק כו' וַיִּמְצָא בַּשָּׁנָה הַהִוא מֵאָה שְׁעָרִים וַיְבָרְכֵהוּ ה'". און **רש"י** אויפן ארט איז מפרש: "רַבּוֹתֵינוּ אָמְרוּ, אוֹמֵד זֶה לְמַעַשְׂרוֹת הָיָה". אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די **פסיקתא** (זוטרתא פרק כו): "מִפְּנֵי מַה מָדְדוּ אוֹתָהּ, מִפְּנֵי הַמַּעַשְׂרוֹת. שֶׁכֵּן מָצִינוּ בְּאַבְרָהָם דִּכְתִיב (יד, כ) וַיִּתֶּן לוֹ מַעֲשֵׂר מִכֹּל, וּבְיַעֲקֹב כְּתִיב (כח, כב) עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ, וּבְיִצְחָק מָצִינוּ 'וַיְבָרְכֵהוּ ה'". – תֵּכֶף לְמַעַשְׂרוֹת בְּרָכָה, וְכֵן הוּא אוֹמֵר (מלאכי ג, י) 'וּבְחָנוּנִי נָא בָּזֹאת אָמַר ה' צְבָאוֹת, אִם לֹא אֶפְתַּח לָכֶם אֵת אֲרֻבּוֹת הַשָּׁמַיִם, וַהֲרִיקֹתִי לָכֶם בְּרָכָה עַד בְּלִי דָי".




און דער רב האט אויסגעפירט זיין דרשה, מיט די געוואלדיגע סגולה וואס אונזערע הייליגע חז"ל האבן אונז מגלה געווען (שבת קיט.) אין די מצוה פון מעשר: "עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר (דברים יד, כב) – עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר", דאס מיינט **אז געבן מעשר איז א סגולה וואס איז בָּדוּק וּמְנֻסֶּה צו עֲשִׁירוּת.**

צווישן דער ציבור וואס איז געזעצן דארט ביי די דרשה, איז געווען א פשוט'ער מענטש פון די איינוואוינער פון שטאט, וועלכער האט געגלייבט מיטן גאנצן הארץ אין די דרשה פונעם רב, און ער האט אנגעהויבן שטענדיג צו אפשיידן מעשרות, ער האט פון דעמאלטס און ווייטער געגעבן מעשר אלעמאל, ער איז אבער נישט רייך געווארן...

איז ער צוגעגאנגען צו איינער פון די חשוב'ע נגידים אין שטאט, און אים געפרעגט: זאג מיר ביטע, צי טוסטו אפשיידן 'מעשר כספים'?

אוודאי! האט אים דער גביר געענטפערט, און ערקלערט אז מיטן כח פון אט די סגולה איז ער בחסדי שמים געווארן אַן עושר, האסטו דען נישט געהערט די דרשה פונעם רב וואס ער האט גערעדט אום שבת פרשת תולדות, אז געבן מעשר איז א סגולה צו עשירות?

איך האב גוט געהערט! האט דער איד געענטפערט, און טאקע דערפאר פרעג איך דיר מיין פראגע, ווייבאלד אויך איך האב אנגעהויבן צו אפשיידן 'מעשר כספים' נאך יענעם דרשה, אבער איך בין נאכנישט געווארן אַן עושר?

האט זיך דער נגיד צושמייכלט און געזאגט: איין פשוט'ער זאך דארפסטו דאך אבער פארשטיין, אז צוזאמען מיט אלע גוטע סגולות דארף מען אויך וֵויינען... ווייבאלד די טרערן מאכן אז די וואונדערליכע סגולה זאל 'ארבעטן'!

אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין **ספר חסידים** (סימן קל): "יֵשׁ אָדָם שֶׁאֵינוֹ זַכַּאי שֶׁיְּקַבֵּל הַמָּקוֹם תְּפִלָּתוֹ, אֶלָּא בַּעֲבוּר תֹּקֶף תַּחֲנוּנִים וְדִמְעַת עֵינָיו, אֲשֶׁר תָּמִיד בּוֹכֶה וּמִתְחַנֵּן, אַף עַל פִּי שֶׁאֵין בְּיָדוֹ זְכוּת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, מְקַבֵּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא תְּפִלָּתוֹ וְעוֹשֶׂה חֶפְצוֹ".

אמאל האט מען געפרעגט א רב וועלכער איז נישט געווען א גרויסער עושר... איר זענט דאך זוכה כמעט יעדן טאג אין די מצוה פון 'סנדקאות', ביי די ברית'ן פון די מענטשן פון שטאט, און עס איז דאך ידוע אז סנדקאות מאכט רייך, אויב אזוי, פארוואס איז עושר נישט אַן עושר?

האט אים דער רב געענטפערט מיט חכמה: איר קענט זיך נישט פאָרשטעלן וואספארא ארימאן און 'דַּלְפוֹן' איך וואלט געווען, אויב איך וואלט נישט באקומען די סנדקאות... ווייבאלד עס איז דא אסאך מדריגות אין ארימקייט און אויך אין רייכקייט!

און דער **סטייפלער גאון זצוק"ל** בעל **'קהלות יעקב'**, וואס כידוע האט ער זייער שטארק געזוכט צו באקומען סנדקאות, האט זיך אמאל אויסגעדרוקט, אז די עשירות צו וועלכע ער האט זוכה געווען דורכן סגולה פון סנדקאות, איז מיט די פילע ספרים וואס ער האט מחבר געווען! אזוי ווי עס איז באוואוסט אז דער סעריע פון זיינע ספרים, 'קהלות יעקב', איז אויסגעשפרייט איבערן גאנצן ש"ס, אריינגערעכנט די סדרים פון זרעים און טהרות.

***

די פאלגנדע מעשה, האט מיר זייער שטארק מעורר געווען און גערירט די סטרונעס פון מיין הארץ. מיין בני בית עמו"ש האבן מיר דערציילט, אז די **העלפערין** [עוזרת] וואס העלפט ארויס ביי אונז אינדערהיים מיט די שטוב־ארבעט, איז אמאל געווען אין הויז אינדערצייט פון **'קבלת קהל'**, און אט האט דערגרייכט אירע אויערן א זייער וויטאגליכע פאַל פון א משפחה וואס איז אנגעקומען בעטן אן עצה און א תפילה פאר זייער גרויסע ישועה.

אט די 'העלפערין' ווייסט נישט וויאזוי צו ליינען און שרייבן, ווייבאלד אין אירע קינדער־יארן האט זי נישט באקומען קיין ערציאונג אין א בית חינוך, זי האט אבער א ספעציעלע תמימות, און א געוואלדיגע אמונה שלימה און אמונה פשוטה **בכל לב ונפש**, אזוי ווי זי האט עס באקומען אינעם הויז פון אירע טאטע־מאמע. – ווען זי האט געהערט די בכיות וואס קומען ארויס פונעם סאַלאָן פון הויז, דארט וואו מען נעמט אויף די באזוכער, און מען האט איר אביסל דערציילט איבערן שרעקליכן פאַל, האט זי עס זייער שטארק גענומען צום הארצן, און כאטש זי קען בכלל נישט יענעם משפחה, האט זי אנגעהויבן מתפלל זיין פאר זיי מיט א פשוט'ע שפראך, פון די טיפענישן פון איר הארץ, גלייך צו השי"ת.

זי איז געגאנגען צו א פאסיגן ארט, און אנגעצינדן עטליכע ליכט לעילוי נשמת די הייליגע צדיקים, און דערנאך האט זי זיך אוועקגעשטעלט נעבן די ליכט און האט זיך גענומען אויסגיסן איר הארץ פאר השי"ת, מיט בכיות און טרערן פאר די ישועה פון יענעם משפחה. – און די משפחה האט ווירקליך אין א קורצע צייט ארום, זוכה געווען צו געוואלדיגע ישועות בחסדי השם יתברך.

אט דער פאַל האט מיר זייער שטארק מעורר געווען, און ווי מיין שטייגער זיך צו אויסלערנען פון יעדער זאך און פון יעדן פאל, האב איך זיך אויסגעלערנט פון דא, ווי ווייט פשוט איז די מצוה פון תפילה, זעענדיג אז מען דארף אפילו נישט קענען ליינען אין א סידור כדי צו דאווענען... נאר פשוט דארף מען עפענען דער הארץ, און זיך אויסרעדן פאר השי"ת אלעס וואס דרוקט אויפן הארץ, מיט א קלארע און פשוט'ע שפראך.

**און עס איז אן קיין ספק און צווייפל, אז א תפילה וואס שפאלט ארויס פון די טיפענישן פון הארץ, מיט געוויין און טרערן, ווערט אנגענומען ברצון און מיט ליבשאפט פארן מֶלֶךְ שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה.**

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173